NYS OTDA – SNAP EA BENEFITS
40 N. Pearl Street – 9th Floor
Albany, NY 12243

**SNAP עמערדזשענסי גרענטס גייען זיך ענדיגן**

**פעברואַר 2023**

**וויכטיג** - SNAP עמערדזשענסי ביילאגעס גייען זיך **ענדיגן אום פעברואר 2023**.

**וואס זענען עקסטערע עמערדזשענסי געטיילטע (EA SNAP) בענעפיטן?**

קאנגרעס האט צייטווייליג געהעכערט SNAP בענעפיטן זינט מערץ 2020 צוליב דעם קאוויד-19 פאבליק געזונט עמערדזשענסי. עקסטערע EA SNAP בענעפיטן זענען ארויסגעגעבן געווארן צו הויזגעזינד אין צוגאב צו זייער נארמאלע מאנאטליכע SNAP בענעפיט סכום. דאס מיינט אז איר האט באקומען SNAP בענעפיטן יעדע מאנאט מער ווי איר זענט נארמאלערהייט געווען בארעכטיגט פאר באזירט אויף אייער אינקאם און אויסגאבן.

**פארוואס טוען זיך די עקסטערע EA SNAP בענעפיטן ענדיגן?**

עקסטערע EA בענעפיטן וועלן מער נישט ארויסגעגעבן ווערן צו SNAP הויזגעזינד צוליב וואס די קאוויד-19 צושטאנד האט זיך פארבעסערט. אייער SNAP בענעפיטן וועלן צוריגקיין צו זייער נארמאלע סכום אום **מערץ 2023**. די ניו יארק סטעיט אפיס פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (OTDA) און אייער לאקאלע סאציאלע סערוויסעס דיסטריקט האבן **נישט** קיין קאנטראל איבער דעם טויש.

**וועט זיך מיין מאנאטליכע SNAP בענעפיט סכום טוישן?**

אנגעהויבן אום **מערץ 1, 2023**, וועלן SNAP הויזגעזינד **מער נישט** באקומען קיין עקסטערע EA SNAP בענעפיטן. אלץ רעזולטאט, וועלן אלע SNAP הויזגעזינד זעהן טוישונגען אין זייער מאנאטליכן סך הכל בענעפיט סכום. אייער נארמאלע SNAP בענעפיט סכום ווערט צאמגערעכנט דורך נוצן אייער הויזגעזינד'ס ספעציפישע אינפארמאציע (אזוי ווי, הויזגעזינד מאס, אינקאם, און אנדערע פאקטארן).

**וואס דארף איך טון?**

איר דארפט גארנישט טון. די בריוו איז אייך צו מעלדן אז עקסטערע EA SNAP בענעפיטן וועלן מער נישט געגעבן ווערן פון **מערץ 2023**. איר קענט פארזעצן צו באקומען אייער נארמאלע מאנאטליכע SNAP בענעפיט פאר ווי לאנג איר זענט בארעכטיגט דערפאר. ווען איר דארפט ריסערטיפייען, וועלן מיר אייך געבן נאך א מעלדונג מיט אנווייזונגען וויאזוי דאס צו טון. הויזגעזינט וואס זענען לעצטנס אדורך פארלוסט פון אינקאם אדער א העכערונג אין אויסגאבן, אזוי ווי שעלטער קאסטן, טשיילדקעיר צאלונגען, טשיילד סאפארט צאלונגען אדער (פאר די וואס זענען 60 יאר אדער עלטער אדער באגרעניצט) ערלויבטע מעדיקל אויסגאבן, קענען באריכטן טוישונגען צו זייער לאקאלע דיסטריקט אפיס וועלכע **קען** פאראורזאכן א העכערונג אין דעם הויזגעזינט'ס נארמאלע מאנאטליכע SNAP בענעפיט.

איר קענט איבערקוקן אייער הויזגעזינד'ס SNAP בענעפיט סכום דורך באזוכן www.connectebt.com אדער דורך רופן **1-888-328-6399**.

אויב איר דארפט מער הילף מיט עסן, ביטע באזוכט www.coronavirus.health.ny.gov/food-pantries צו טרעפן עסן פענטריס אין אייער געגנט.

פאר מער אינפארמאציע וועגן עקסטערע EA SNAP בענעפיטן באזוכט otda.ny.gov/EA-SNAP אדער רופט **1-800-342-3009**.